ג־ט האָט יעדן באַרופן, אַזוי זאָל ער זיך נוהג־זיין.
18 און אַזוי באַפעל איך אין אַלע קהלות. איז דער
באַרופענער אַ געמלטער? זאָל ער נישט ווערן
אומגעמלט; איז עמיצער באַרופן געוואָרן אַלס אַן
19 ערל? זאָל ער זיך נישט מל זיין. די מילה איז
גאָרנישט, און די ערלה איז גאָרנישט; נאָר דאָס
20 אָפּהיטן די מצוות פון ג־ט. זאָל יעדער אייבער
בלייבן אין דער דאָזיקער באַרופונג, אין וועלכער
21 ער איז באַרופן געוואָרן. ביסטו באַרופן געוואָרן
אַלס אַ קנעכט? מאַך דיר נישט קיין דאגות דעריבער;
נאָר אויב דו קענסט באַפרייט ווערן, נוץ עס ליבער
22 אויס. וואָרום ווער עס איז באַרופן געוואָרן אינם
האַר אַלס אַ קנעכט, דער איז דעם האַרס אַ באַפריי־
טער (מענטש); פּונקט אַזוי איז דער, וועלכער איז
באַרופן געוואָרן אַלס אַ פרייער (מענטש), אַ קנעכט
23 פונם משיח. איר זענט טייער געקויפט געוואָרן;
24 ווערט זשע נישט קיין קנעכט פון מענטשן. ברידער,
זאָל יעדער איינער פאַרבלייבן אין דעם שטאַנד,
אין וועלכן ער איז באַרופן געוואָרן פאַר ג־ט.
25 און וואָס שייך בתולות, האָב איך נישט קיין געבאָט
פון דעם האַר; איך גיב נאָר מיין מיינונג, ווי
אַזעלכער, וואָס האָט דערלאַנגט רחמים דורך
26 דעם האַר, צו זיין געטריי. איך האַלט דעריבער
דאָס דאָזיקע פאַר גוט צוליב דער איצטיקער
שווערער צייט, אַז עס איז גוט פאַר אַ מענטשן
27 אַזוי צו בלייבן: ביסטו געבונדן צו אַ פרוי? זוך
נישט פריי צו ווערן. ביסטו פריי געוואָרן פון אַ
28 פרוי? זוך נישט קיין ווייב. און ווען דו זאָלסט
אַפילו חתונה־האָבן, האָסטו (אויך) נישט געזינדיקט;
און ווען די בתולה האָט חתונה, האָט זי (אויך)
נישט געזינדיקט. אַזעלכע וועלן אָבער האָבן צרות